STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06543

BILDER UN GEDANKEN

Hyman Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בילדער
און
געדאַנקען

פון

ה. גאָלדבערג

באלטימאר, מד.
1928

ה. גאָלדבערג

אינהאלטס פערצייכענים

	זייט
צו מיינע פריינד	7
דאָס לעבען	8
די לאנדשאפט	10
דור הפלגה	11
ארך אפים	15
צוריק ניט געקומען	16
קארגע	17
דער פייער	19
לוין שקלאף	22
קאָנקורענטען	24
דער נביא	26
צוויי חברים	28
דער דיכטער	30
כאַפט דעם גנב	32
שיר המעלות	33
ישראל דער שמש	34
על חורבן ישראל (פראַגראַמען.)	36
ברוך שפטרני	38
קהלת	39
פורים	41
אויף קבר אבות	42
אמאָל און היינט	44
אונשטערבליכקייט	45
אל תשליכנו	47
משה רבינו	48
SOUVENIR	53
לשנה טובה	45
קריטיק און מבינות	55

צו מיינע פריינד

מיינע פריינדע
און בעקאנטע,
גוטע ברידער
און פערוואנדטע,
אלע, אלע
מיט איין קול
שרייען — „היט זיך
„דיינע ביינער
„פון דער איד'שער
„מוזעס ציינער,
„אויב דו ווילסט נאָך
„לעבען וואָהל!

„מוזט בעצייטענס
„איהר אויסמיידען
„אויב דו ווילסט נאָך
„גוט אָפּשניידען;
„דען וואָס גרעסער
„ס'איז דער דיכטער
„מוז ער צרות
„מעהר פערטראָגען,
„און עס זינגט זיך
„נאָר ווען ניכטער
„ביי דעם אידען
„איז דער מאָגען"...

אָה, איך ווייס
די אלטע טענה,
ליבע, טרייע
פריינדע מיינע!
דאָך ערקלערען
מוז איך אייך,
(נאָר עס זאָל אייך
ניט פערדריסען,)
— פריינדשאפט ווערט
גאנץ אָפּט צוריסען,
פון דער ווייט
פערגעסט זיך גלייך,

נאָר די מוזע,
זעהט איהר, ברידער?
זי פערלאָזט מיך
ניט מיט ליעדער,
וועלכע טרייסטען
מיר אין קימער!...
ניין!... איך וועל
מיט דיר ניט שיידען,
מוזע! — כ'בלייב דיר
טריי אויף אימער,
ביסט מיין פריינד
אין עלענד, ליידען!...

דאָס לעבען

דאָס לעבען איז
א בוך פון בילדער, —
פארבען רייך ווי
א רעגענבויגען;
א סקרין מיט סצענעס
פרייד און טרויער,
ליכט און שאטען —
בלענט די אויגען.

דער צווייטער קעמפט
אין נעבעל, שטורעם —
האָט דעם שיקזאל
פון א קריעגעל...
עס טראָג'ן זיך שיפען
מיט גרויס אימפעט
צו דערשלאָג'ן זיך
צו א ברעג;

דאָס לעבען איז
א טיעפער ים,
פערשפרייט
צווישען האָריזאָנטען;
עס שטורמען, ברויזען
זיינע ווערלען, —
טראָגט צום הימעל,
שלאָגט אָפּ גרונטען;

עס איילען קאפיטאנען
צו פערלויפען
יענעמס שיף
די וועג.

דער מענש — א קאַפּיטאַן
וואָס שטעהט ביים רודער,
ריכט זיין שיף
צום ברעג;
זיין מוטה, זיין חכמה,
גוטער וועטער —
די מאטראָזען
אויף זיין וועג.

עס ווערען שיפען
אָנגעשטויסען,
איינס אין צווייטען
זיך אָנשלאָגען;
עס זינקט א שיף
פון שיפ'ס ברוך,
אָדער ס'ווערט אויף וויסטע
וויים פערטראָגען;

עס גיט זיך איינעם
אָפּ זיין רייזע —
זונען שטראהל
און גלאטער שפיעגעל;

עס ווערען
פיעל געררעטעט,
די וואָס שווימען
און זיך טרינקען;
עס בלייבען פיעל
פערוואָרפען,
פיעלע ראנגלען זיך
און זינקען...

דעם דיכטערס פען,
ווי קינסטלער'ס פּינזעל
טרייַ קאָפּירט אָפּ
דעם געפילדער,
וואָס רופט זיך לעבען;
פון קאָלירען, שטריכען —
מאָלט אין שריפט ער
בילדער:—

וואָס לעבען,
ריידען, שאפען,
וויינען, לאכען,
מאכען טראכטען;
עס שפּיגעלט זיך
לעבען אין א בוך —
א פערזיעגעלטען,
פערמאכטען.

די לאנדשאפט

זינגט א פויגעל
מיט געפיהל
פרייד און אומעט
אין דער שטיל.

קלינגט זיין ליעד
אין פרייער לופט,
אין דעם הויך
פון בלומענדופט...

הילכט עס אָפּ
אין טיעפען וואלד...
גריגען פלדער —
זון בעשטראלט...

פיטער'ן לעמער
זיך צושפרייט,
שפילט א פאסטוך
אויף זיין פלייט, —

האָרכען בארג און טהאָל
פערגאפט,
וועקט זיך לעבען,
ווירקט און שאפט...

שפיגעלט אָפּ
א בלאָהער הימעל
אין קרישטאלען —
וואסער־דרימעל...

זייהט א פארמער
זיין שווער מיה —
ברויט און גרינס
פאר מענש און פיה...

חלומט דאָרט
א ווינט מיהל ווייט,
באלד קומט אויך
זיין ביזע צייט...

זעצט א שווארץ
און ווייסע־פארע
יאָגט און טראָגט זיך
ווי א כמארע —

ס'שנייט א טריין
דעם האָריזאָנט
און פערראייניגט
ווייט און נאָהנט...

חלומט א פּאָר
דעם יוגענד־טרוים
אונטער'ן שאטען
פון א בוים ;

קושט דער בחור
היים די מיידעל
און זי ענטפערט
שטיל און איידעל —
„ביסט מיר אויכעט
„שטאַרק געפעלען,
„לאָמיר ביידע
„חופה שטעלען."

דור הפלגה

ס'אַ לעגענדע דאָ,
א מעשה־לע
א זעהר, זעהר
שיינע,
אינטערעסאנט
און פיעל בעלערענד
אי פאר גרויסע,
אי פאַר קליינע:

די משפחה
האָט געקינדעלט,
אָנגעפאנגען
זיך פעמעהרען, —
ווי איהר גאנצקייט
אָנצוהאלטען,
האָט מען זיך
געמוזט פערקלערען ;

ס'האָבען מענשען,
גאָר אמאָל,
געלעבט צוזאמען
איין משפחה ;
האָבען אלע
גלייך גענאָסען
פון דער
אלגעמיינער ברכה.

האָבען מענשען
זיך דערטראכט
א טורעם בילדען
אָנצופאנגען,
ס'זאָל אין הימעל־ רוים
זיך הייבען,
אין דעם אין־סוף
צו דערלאנגען ;

אלע האָב'ן
איין־שפראך גערעט,
געהאט נאָר
איין געדאנקען ;
אלע צו איין ציעל
געשטרעבט,
געהאט נאָר
איין פערלאנגען.

ס'זאָל משפחה
איינס זיך האלטען,
קיינער זאָל
דערווייטערט ווערען...
„קיין מאָל ניט !"
האָט גאָט געדונערט —
„כ'וועל דעם מענשענס פלאַן
„צושטערען !"...

און ער האָט
אראָפּ גענידערט
און צומישט
בעגריעפען, שפראכען;
האָב'ן זיי אויפגעהערט
פערשטעהן זיך,
מעהר געקענט
שוין גאָר ניט מאכען.

דער צעמענט
וואָס האָט געהאלטען
פּרטים גאנץ —
צונויפגעהעקעלט,
איז צופאלען,
זיך געשפּאלטען
און אויף זעמדלעך
זיך צוברעקעלט;

האָב'ן זיך ניט
געקענט פערטראָגען,
שטימען איינער
מיט דעם אנדערען;
איבער דער וועלט
זיך אַנגעפאנגען
צו פערשפּרייטען,
אויסצוואוואנדערען, —

גרופּען, שטאמען,
פעלקער, ראסען...
'זוי דערצעהלט אונז
די לעגענדע, —

האָט פון מענשענס
ערשטען טרוים גאָר,
אויסגעלאָזט זיך
אזא ענדע...

קלינגט עס גאַנץ נאַאיוו
און איינפאַך
און בעוואוסט
אלס „דור הפלגה“;
דאָך זינט דורות
עקזיסטירען
איז דאָס מענשהייטס
גרעסטע פּלאָגע

אין כאַראַקטער
און נאַטורען
פון געבורט
זיך מענשען שיידען;
ריכטען, דענקען
און ענטוויקלען
זיך אין לעבען
גאַנץ פערשיעדען.

פאָרמולירען
זיך אין גרופּען,
קלאַסען, פעלקער,
ראסען, שטאמען;
דורך אומשטענדען
נאָר פעראייניגט, —
דאָך זיי קלעפּען
ניט צו זאמען.

יעדער מענש
ז־א וועלטעל פאר זיך,
אין זיין איך, —
פריוואטען לעבען;
איינער וויל
וואָס מעהר פון צווייטען
זאָל זיך איהם
אליין איינגעבען.

בלוט־פערוואנדטע
זיינען פרעמד זיך,
עלטערן, קינדער,
שוועסטער, ברידער —
אין בעגריפען
און געשמאַקען
זיינען זיי זיך
אָפט דער ווידער;

ווי פיעל קעפּ
אזוי פיעל מיינונג
אין א כלל׳ם
צוזאמענלעבען, —
זאָגט דער „טאָג“
און דער זאָגט „נאַכט,“
אין איין
אלגעמיינעם שטרעבען.

יעדער איינער
שטעלט זיך העכער,
און אזוי
פיהלט אויך דער צווייטער —
„יענער איז דאָך
„ווי א בלינדער
„וואָס ווייסט יענער,
„וואָס פערשטעהט ער!“...

יעדר אורטהיילט
פון ערפארונג
וואָס ער זעלבסט
האָט דורך געמאכט, —
איז ער קלוגער
דאָך פון צווייטען,
ער נאָר איינער
דענקט און טראכט.

כאַפּט זיך יעדער
בעסער רעדען,
איידער יענעם
אוים צו הערען;
איידער לערנען
זיך פון צווייטען,
בעסער יענעם
אויפצוקלערען.

שפּאַרען זיך אלע
זיין די ערשטע,
איינם דעם צווייטען
איבערשלאָגען, —
קען מען אָהן כאַאָס
און טומעל
צו קיין טאָלק
זיך ניט דערשלאָגען.

שארפער זיינען
צוויסטיגקייטען
אין פערזענליך
אינטערעסען ;
ס'הערשען די
וואָס קענען זיעגען
און וואָס קענען
נאָר ערפרעסען.

ברעכען אויסעט
מיספערשטענדניסע,
אָפטע רייבונגען
און שטרייטען,
בלוט פערגיסונג,
געגע'ן פערניכטונג,
נ'אלע דורות,
אלע צייטען.

דאָס פערשיעד'נהייט
אין ארט לעבען,
זיטען, גלויבען,
כאַראַקטאָרען,
שפראַכען, שטרעבונג,
אינטערעסען —
ז'צום — קאָנפליקט
געשטעלט געוואָרען ;

און דער טרוים
פון דור הפלגה
בלייבט נאָך אלץ
א ווייטער חלום,
אויך די נבואה
פון ישיעה'ן, —
ס' איז נאָך ווייט,
גאַנץ ווייט פון שלום...

ארך אפים

ארך אפים
איז גאָט'ס מידה, —
הערט ער שבחים
אוים געדולדיג,
פון די פיוט —
תהלים זאָגער,
וועלכע ווילען ניט
בלייבען שולדיג;

ווייל עס קאָסט דאָך
גאָר קיין געלד ניט,
און מ'איז יוצא
און גע פטר'ט...
לאָזט ער נודיען,
ביז זיי ווערען
זעלבסט פערנודיעט
און פערמאטערט...

צוריק ניט געקומען

ס'אר א פלאָג !...
יעדען טאָג,
לעז און רעכען,
קאָפּ זיך ברעכען,
לערען, קלער,
שרייב און מעק,
אַהן אויפהער,
אַהן א ברעג !

זיץ געבויגען, —
פאר די אויגען
זעה קיין וועלט ;
סאַי אין קעלט'
סאַי אין היץ
שטעה אויף גיכער,
כאַפּ די ביכער,
לויף און שוויץ !

לויף כסדר,
דאָ אין סקול,
דאָ אין חדר, —
ווי א פול
זיין פערנארט
און פערשפּארט
אויף איין אָרט ;
רעד קיין וואָרט,
זיץ פערשמאכט
און פערטראכט,

לעסענס מאַך,
ניט שטיף, ניט לאַך !

אוים !... א סוף !...
איין טאָג אָפּ
וועלען מיר ביידע,
איך און סיידע,
היינט זיך נעמען !...
ריי-אָ — ראי,
וועלען זיין פריי ! —
קענט פול סעמען !...

איך וועל הוקען,
גאָר ניט קוקען,
זיך ניט קלעמען
וואָס מ'עט טאָהן, —
היינט וועל איך
האָבען פאָן !..

* * *

שטיל און גיך,
לעבעדיג, פריש,
פאנגען פיש
האָבען ביידע,
סעם און סיידע,
זיך פערנומען ;
ס'שיפעל א קער...
זיינען ניט מעהר,
זי און ער,
צוריק געקומען...

קאַרגע

(געשריבען אין דער צייט פון ריעל עסטייט בום)

ס'זיינען מענשען דאָ
פערנארטע,
האלב אונוויסענד,
איינגעשפארטע;
וויל'ן ניט לערנען זיך
פון קיינעם —
מעהר פערשטעהן
פון יעדען איינעם.
קענען גאָר
קיין צוויי ניט צעהלען,
דאָך זיי טרעפען, —
קלוגע פעהלען.
פליהען ניט הויך,
פאלען ניט טיעף,
ס'איז בעגרענעצט
זייער בעגריעף.

קריכען פאמעלעך,
הארט ביי ד'ערערד,
האָרעפּאַש'ווען
ווי די פערד.
טהו'ן ניט אויף
קיין גרויסע זאכען,
קענען קוים
א לעבען מאכען.
ווייסען דאָך
דעם סענט צו האלטען
און דעם מאָהלצייט
נ'צווייען שפאלטען.

שפאָרען, קלייבען,
סענט צו סענט,
ווערען לענדלאָרדס,
נעמען רענט.
אונד די רענט
ווערט ניט צוריבען,
ס'ווערט אין „באַפעריעס"
געקליבען.
און מען האלט
אין איין צו לייגען,
וואַקסט אלץ גרעסער
דער פערמעגען.
און עס הויבען זיך
די רענט —
וואקסט פראָצענטען
אויף פראָצענט —
וואָלט מען יאָ שוין
וועלען לעבען,
ז' שלעכט דעם סענט
ארויסצוגעבען,
שווער צו פועל'ן
זיך פערגינען,
יענעם געבען צו פערדינען.

און מען לעבט נאָר
פאר דעם געלט,
מ'וויל פארשלינגען
גאר די וועלט.

לאָזט די וועלט
זיך ניט איינשלונגען,
קומט א קריזיס
אומגעלונגען;

בלייבען הייזער
שטעהען לער,
וואו מען טהוט זיך
נאָר א קער ;

געהען „באפעריעם"
געבראָכען,
ווערען מאָרטגיידזשעס
צעקראָכען ;

שרומפט
דאָס אָנגעזאמעלט געלד,
לאָזט זיך אויס
די קורצע וועלט...
* * *

אָפּגעלעבט
ווי די חזרים —
פאלען יורשים אָן
ווי ווערים ;

האבען יורשים
שטארק פאראיבעל
און עס טהוט זיי
גרייליך באַנג —
„ניט פארגונען
זיך דאס לעבען,
און געלעבט האט
דאך צו לאַנג !"...

דער פייער

א גערויש און א געטימעל
איז אין „יגון ואנחה",
עס איז דאָרטען רויט דער הימעל
און אשרעקליכע מערכה ;

א גרויס אומגליק האָט, פון זיסען
טרוימען, אין מיטען דער נאכט,
אלע מענשען אויפגעריסען,
פון דעם הארטען שלאָף ערוואכט ;

און זיי לויפען אום אין דרויסען,
ווי צעמישטע, אין גרויס צער,
ליארמען, שרייען און זיך שטויסען...
שטארקער, גרעסער די געפאהר.

ווערט עס אלעם אויגענבליקליך,
וואָס א רגע, א מינוט,
ווערען מענשען מעהר אומגליקליך...
שוין פארלאָרען גאָר דעם מוטה.

און אראָפּגעלאָזט די הענט
שטעהן די פייערלייט אָהן כוח,
ס'העלפט שוין ניט קיין אינסטרומענט,
ניט קיין עצה און קיין מוח.

ווייטער מעהר צו קעמפען, שטרייטען
מיט דעם פייער עלעמענט ;
אין א פלאם פון אלע זייטען
שטעהט פערכאפּט די שטאָט און ברענט...

* * *

— ג'וואלט, אוי רעטעט, כ'בין פערלאָרען,
מיינע ציערונג, מיינע פערעל !...
— אוי אן־אומגליק, אוי א צאָרען,
גאָר א שפּאָגעל נייע שערעל.

נאַר וואָס נעכטען ערשט געקויפט !...
— וואָס וועט איצטער טהון די שטאָט ?
וועה געשריגען, גיכער לויפט,
זעהט כאָטש ראַטעווען די באָד !...

— אַך און וועה צו מיינע זינד,
וואָס טויג מיר שוין גאָר מיין וועלט,
כ'האלט ניט אוים — מיין איינציג קינד !...
— וועקסלען... זילבער... סחורה... געלד...

— אַך די ריינקייט, כאַפּט אידען !...
— נעמט די ספרים, גיכער, קינדער !...
הערט זיך קולות פיעל פערשיעדען ;
יעדער איינציגער בעזינדער.

האָט זיך פאר־זיך זיינם אין זינען
און עס איז א גרוים מבוכה,
ווי א שטאָק צושטערטע בינען
זעהט אוים „וגון ואנחה“...

* * *

אין מזרח זייט דער ברעג פון הימעל
האָט מיט א פורפור־רויטקייט זיך בעדעקט,
ווי פון א זאנפטען, זיסען דרימעל
האָט אלץ די מאָרגענ־שטראַלען אויפגעוועקט.

א מילדע ליכט צוגיסט זיך איבעראל,
צוגלייך מיט זיסען, אראָמאטנעם דופט
און מיט דעם זינגען פון א נאכטיגאל ;
נאָר דאָרטען ציהט א רויך זיך אין דער לופט,

א ווייס און בלויער רויך — ציהט זיך פון ד'ערד,
עס גליעהען האַלעוועשקעס דאָ און דאָרט...
פיעל מעשען־לעבענס, גליק און רוה צעשטערט,
פיעל האָפנונג, שטרעבונגען — ז'אויף יענעם ארט !...

דאָרט איבער'ן גאנצען פעלד ליגט אויסגעשפרייט
פיעל מעבעל צו ווארפען, פערברענט און צובראָכען,
ארום-זיי וואלגער'ן מענשען זיך אין נויט,
אָהן מוט און אָהן לעבען, ווי טרוקענע קנאָכען...

אין שטומען צער, אין טרויער טיעפען
פערזונקען, אין שטילען אנגסט ערגריפען, —
א שטאָט אבלים שטעהן די קעפּ געבויגען...
—„פארוואָס?"‥ פערצווייפעלט פרעגען שטארע אויגען...

„אָט דאָס איז דאָך די גאנצע צרה" —
שלאָגט אָפּ דאָרט א בת-קול אין מיטען —
„וואָס יעדער זוכט נאָר זיינס — צו פערהיטען,
„אזא שטאָט מענשען אָהן עין הרע!

„—דער פייער ט'-אָך אל'מען געטראָפען —
„וואָלט מען גלייך פון אָנפאנג געלאָפען
„דעם פייער לעשען אלע אין איינעם,
„דער יחיד פאר דעם כלל וואָלט קערען
„דאן וואָלט עס ניט פאראומגליקט קיינעם,
„פערשפּאָרט וואָלט יעדער גיסען טרערען"...

דער לוין שקלאַף

שקלאַפט מען נאָר פאר יענעם
קומט מען אָפּ שוין גיהנם,
ס'קומט דעם באָס וואָס מעהר איהם
נעמט ער די געדערעם —
ברויכט מען שוין ניט עסען,
דאַרף מען דאָך קיין ברויט גאָר —
ארבייטען צום טויט נאָר
און אין זיך פערגעסען...
און דער ווייב צום לעבען
איז ניטאָ צו געבען,
דאַרט עס אוים דער מוח,
פלאַגט עס דער געוויסען,
ווערט דאָס הארץ צעריסען,
מ'שלאָגט זיך אוים פון כוח...

אלעס איז בראַנד טהייער
ס'ברענט א העליש פייער —
בלייבט מען יענעם שולדיג;
קומט מען אָפטער מאָנען,
בעטען און דערמאָנען,
ווער'ן שוין אומגעדולדיג
אלע קרעדיטאָרען,
מ'וויסט אין אלע סטאָרען —

וויל שוין קיינער לייען,
קיינער וויל מעהר באָרגען,
העלפט עס ניט דאָס זאָרגען,
מ'קען קיין זאָרג ניט קייען —

זיך מיט זאָרג ניט קליידען,
מ'ווײנט אליין אין ליידען
ווען מ'האָט קיין סענט ניט,
אין דיין הויז קענסט וויינען —
נאָר מען לאָזט ניט וואָהנען
ווען מע צאָהלט קיין רענט ניט —
ס'ווערט פערקויפט פער אָקשען...
מאָנט דער באָס פראָדאָקשען,
וויל פון גאָר ניט וויסען —
מוזט אָהן שטרוי איהם שאפען,
ווי אמאָל די שקלאפען —
ציגעל — צאָהל געוויסען...

איז נאָר דאָ איין וואפען —
ניט זיין אונטער טהעניגט, —
פרייהייט זיך צו שאפען
זייענדיג פעראייניגט.

קאָנקורענטען

שטעהן סטאָרס צוויי
איינס נעבען צווייטען,
אויסגעפוצטע,
פול געפאקטע —
מיט די שענסטע,
בעסטע ווארען
און מיט פרייזען
'ראָפגעהאקטע.

טהוט איין קרעמער
נאָך דעם צווייטען,
קוקען ביידע סטאָרס
עגאַל אויס;
דאָך איז שפע
נאָר ביי איינעם,
און דער צווייטער
שפייט די גאַל אויס.

איינער זשוויבעט
און לעבט, פערגינט זיך,
און דער צווייטער —
לייזט א סענט ניט;
קען קיין נאָטס,
קיין בילס ניט צאָהלען,
האָט אפילו
אויף קיין רענט ניט.

איינעם ווייסען
אלע קונים,
מ'קומט צו איהם
פון אלע עקען;
און דער צווייטער
'ז ווי אין חרם —
קיינער וויל
צו איהם ניט שמעקען.

מיט דעם איינעם
פיהלט מען היימיש,
קויפט מען גערן
זיינע סחורה;
און צום צווייטען
איז מען פרעמד גאָר,
מיט איהם האנדלען
האָט מען מורא.

שטראהלט איין קרעמער,
און דער צווייטער —
אויף זיין קאָנקורענט
איז בייז נאָר,
און ער טראכט זיך:
„ס'אַר־אַ כישוף
ס'שטעקט אין יענעם?
ווען ער ווייס נאָר!"

* * *

ס'שטראמט די צייט,
זי שנייט און בייט, —
פערלאפען זיינען
טעג און יאָהרען;
מענשען האָבען
זיך געביטען,
גאַסען־אנדערש
גאָר געוואָרען...

איצטער שטעהט
א געז'לין סטיישען
אויף דעם פלאַץ
פון יענע קראַמען;
פון אמאָל'גע
קאָנקורענטען
ז' איינער גאָר רייך,
האָט א נאָמען,

טהוט שוין גאָר ניט, —
און דער צווייטער
איז א סיילסמען
איצט ביי יענעם,

ז' שווער דעם באָס
צופרידען שטעלען, —
בייט ער שטעלעס,
קומט אָפּ גיהינם...

און עס בלייבט איהם
אלץ די פראגע
ניט פערענטפערט
אין זיין מוח:
איז דאָס מזל?
צו אין שכל, —
פון הצלחה
ליעגט דער כוח?...

דער נביא

קאַלט, פערגליווערט,
זיינען מענשען,
טהיעריש, זינדיג
און פערדאָרבען.
טויט ז׳, דער נביא
ביי זיין לעבען, —
לעבט אויף
ווען ער איז געשטאָרבען.

אויסגעטהון
פון זיך אין גאנצען
טהוט ער אמת
פראָקלאמירען,
ר׳ וויל די מענשען
מאַכען בעסער,
אויף דעם גלייכען וועג
זיי פירען. —

פאלשקייט, אומרעכט,
אויסצוראמען,
אָפּצוווישען
בלוט און טרערען.
פראָטעסטירט ער,
שטראָפט און וואָרענט,
זוכט די מענשען
אויפצוקלערען —
„נישטיג, קליין,
„איז יעדער איך
„אָהן איין
„אידעאלעם שטרעבען,
„נאָר אין אויפטהון
„פאר דער מענשהייט
„ליגט דער גליק
„פון קורצען לעבען“...

איז זיך יעדער איינער
פאר זיך
מיט זיין אייגען איך
פערנומען;
קען זיין דורשט
נאָך לוסט ניט שטילען,
זוכט דעם צווייטען
ביי צוקומען, —
— אויסצונוצען,
אונטערדריקען,
איבערשפּיצען,
איבערשטייגען...
וויל מען ניט
פונ׳ם נביא לערנען,
קיינער וויל זיך
איבערצייגען.

קעמפען ביטער
קין און הבל
נ׳ אייביג
בלוטיגע מלחמה;
אויגען פול
מיט שנאה, קנאה,
אין די הערצער —
ברענט נקמה...

זעהט דער נביא צו
דעם יאמער,
די פערצווייפלונג
און מיסטרויען;

דאָס פארניכטען זיך
אנשטאט — ס'זאָל
איינם דעם צווייטען
העלפען בויען...

וואקסט דער עלענד
אונגעהויער, —
נויט און טרויער
פון די מאסען,
און א קליינע
הערשער קלאַסע —
לעבט פערשווענדריש,
אויסגעלאסען...

שטארבט דער נביא
מיט דעם וועלט שמערץ
טיעף אין הארצען,
פול מיט וועהען.
דאן ערשט
פאנגט מען אָן צו שעצען,

פאנגט מען אָן ערשט
איהם פערשטעהען...
ווערען זיינע רייד
פערהייליגט—
בלייבט אונשטערבליך
פאר די דורות....
שטעהען אויף
נאָכפאָלגער, גייסטער
און פערשפרייטען
זיינע תורות. —

פאנגען מוחות אָן
צו דענקען,
מוחות טונקעלע,
פערטעמפטע ;—
שאפט זיך פרייהייט
פאר די מאסען
אונטעריאָכטע
און בעקעמפטע.

צוויי חברים

אין א שטעטעל
צוויי חברים,
ברוך, זרח,
האָבען געלעבט ;
קינדער צוזאמען
זיך געשפּיעלט,
רבנים צו ווערען
געשטרעבט.

פון איין בלאט
געלערענט,
אין איין צייט געהייראט
און אראָפּ פון קעסט ;
אין איין צייט,
מיט שטעקלעך,
אויף דעם מארק בעוויזען
האָבען זיי זיך ווי געסט.

האָבען שמעקען
אָנגעפאנגען,
טאפּען, זוכען
און שפּיאָנירען ;
איינם דעם צווייטען
היטען, נאָכטהון,
איינם דעם צווייטען
קאָנקורירען.

און געוואָרען
זיך דם שונאים,
איינם פון צווייטען
רייסט דעם ביסען ;
קיין פרנסה
האָבען זיי קיינער,
ווערען ביידע
אויסגעריסען...

ברוך'ס נאָז
האָט וואָס פון קיעוו
גאָר דערשמעקט...
גאָט איז נאָך געשלאָפען —
איז אין קיעוו
שוין געווען ער,
און זיין קאָנקורענט
געטראָפען...

„האָסט געמאכט
„אומזיסט הוצאות
„צוריק אהיים פאָהר !"
— טענה־עט ברוך ; —
„מע'ט נאָך זעהען
„דיינע גליקען
„ס'דו ועסט מאכען !"
— ענטפערט זרח...

אין דעם מערקט זיך
א קווארטאלנע
לאָזט פון ווייטען
גלייך צו זיי זיך געהן...
„אַי, אַ פּאַס !" — שרייט ברוך —
„כ'האָב !" — זאָגט זרח —
„איך וועל לויפען,
„דו בלייב שטעהן..."

זאָגענדיג דאָס —
איז זרח ענטלאָפען,
יאָגט נאָך איהם זיך
דער קווארטאלנע —
און ער כאַפּט איהם,
זעהט זיין פּאָס
און זאָגט איהם בייז —
„דו ביזט לעגאלנע,

„וואָס זשע ביזטו
„זשיד, געלאָפען ?“ —
„הארינקע,
„וואָס קענסטו ניט פערשטעהן ?—
— ענטפערט זרח —
„כ'האָב דעם וואסער קור
„גענומען
„טאָר מען דאָך ניט שטעהן,

„טרינקסט דאָך אויך
„די מינעראלען, פּריץ,
„ביסט דאָך
אויך געלאָפען ?“...

ס'האָט דערווייל
זיך ברוך אויסגעדרעהט,
מיט זיין סוחר
זיך געטראָפען ;

האָט געכאפּט
א מנה יפה
און מיט זרח'ן
זיך געטהיילט, —
דאָס האָט
אלע זייער
פריהערדיגע
רוגז'ן פערהיילט.

און אין שטעטעל
געהט א ווערטעל אום,
א זאָנדערבאר, —
טשיקאוואר :
„אָנגעפּייפּט
„אין קיעוו
„דעם קוואָרטאַלנע,
„צוריק געוואָרען חבר...“

דער דיכטער

זיינע פריינדע
און בעקאנטע,
גוטע ברידער
און פערוואנדטע,

אלע, אלע,
אין איין קול
שרייען — היט זיך
דיינע ביינער
פון דער איד'שער —
מוזעם ציינער,
אויב דו ווילסט נאָר
לעבען וואהל!

דען עם זינגט זיך
נאָר ווען ניכטער
ביי דעם אידען
איז דער מאָגען,
און עם טויג זיך אוים
דער דיכטער
נאָר אויף צרות
און אויף קלאָגען...
'ר־האָט אפנים
פון א מלמד,
פון א בדחן,
גראמען־פלעכטער, —
„מילא... נו?... הא?...
„מעכעטייסע!...
„עט!... א שרייבער —
„ניט קיין שלעכטער!"...

אויף טאלאנט
מבינות זאָגען
זיינען אידען
מעהר בעלנים,
איידער צאָהלען
פאר אזעלכע
נארישקייטען
מזומנים.

ערגער איז נאָך
אין רעדאקציעס,
צווישען שרייבער,
ליטעראטען;
די וואָס זיצען
ביי א דעסקעל, —
האלטען אָנעט
די פאדראטען...

שרייבען זאכען
מייד טו אָרדער,
„מעלה־גירה־ען"
וויל יאו וויט...
שפרינגט די פען
פון מצה־רעדלער, —
ס'ווארט דער זעצער
אויף טאָנדייט...
קוקען ציניש
אויף דעם ערנסטען
דיכטער־טרוימר
דיעזע שקלאפען,
מיוחסים, —
לאכען אויסעט
זיין נאאיוועס
גייסטעס־שאפען...

ווי א קראנקהייט —
אַנגשטעקטע,
איז דער שפּאס
אַנ־אַלגעמיינער ;
ווי די כלבים
בילען, בייסען,
אויף דעם פרעמדען —
קריצען ציינער...

ווי די בעטלער,
ניט פערגינער,
זוכען יענעם
אָפּצושרעקען ;
זידלען, שילטען, —
האָבען מורא
טאָמער ווער
פאר זיי ניט קלעקען...

ס'שמירען פּייפערס
שמוץ פון לעבען,
טעגליך ווערט
ארויסגעגעבען
פולע פּיידזשעס
מיט אָוואַציעס, —
גרויסע קעפּ
פון שונד סענזאציעס, —
רויב און מאָרד
און גט־סקאנדאלען...

ווערט עס
דורכגעלעזען גיך ;
ווי אין הערבסט
פון בוים געפאלען —
געלע בלעטער
וואלגערן זיך...

ס'פּלעפּט דער עולם
דום־פערגאָווערט ;
מוחות ווערען
טעמפּ, פערזשאַווערט...

טעגליך נייעס
ווערט צוטראָגען,
ווי די בייגעל
היים געבאַקען ;
רייצט דעם גומען,
דארבט דעם מאָגען,
עס פערדאָרבט אויך
די געשמאַקען ;

בלייבט קיין פּלאַץ
פאר ליטעראטור —
קיין צייט דאָס דענקען
צו ענטוויקלען ;
ס'קען קיין קונסטליך
ווארט זיך וועבען
אויף דעם אָרט
פון שונד ארטיקלען.

וואגעלט עלענד —
ווי זיין פאָלק —
דער דיכטער,
קען קיין אָרט געפינען
אויסצודריקען
זיין געלייטערטען
געדאנק
און טיעפען זינען...

כאַפּט דעם גנב

(וועגען בערימטען טיע-פּאַט-דאָם סקאַנדאַל)

ג'וואַלד, א גנב :...
יאָגט איהם, כאַפּט איהם,
האַלט איהם, שלאָגט איהם !...
אָן אָ... לויפטער !...
עפּעס א טשאיניק
וועק געלאטכעט,
האָט פערנארט עס
און פערקויפט ער !...

לויפט דער גנב,
שרייט דער גנב
אויכעט — יאָגט איהם !
האַלט איהם, שלאָגט איהם,
גיכער-כאַפּט איהם !...
ס'האָט א קאָזאק
זיך בעגנבעט,
ווען איך פּאַק איהם,
אוי וואָלט איך שוין
גוט צוקלאַפּט איהם !...

ג'וואַלד, א גנב !...
ווער א גנב ?...
וואו א גנב ?...
מישען זיך קולות
שטארקר, העכער ;
און מען יאָגט זיך
מיט דעם גנב —
נאָך דעם גנב —
איבער פלאנקען,
איבער דעכער...

אלע טומלען,
אלע שרייען,
אלע יאָגען,
אלע לויפען ;
לויפט דער גנב
מיט די לויפער,
לאכט זיך אויסעט
אין די הויפען...

עולם-גולם
בלייבט ג'פּלעפט
וואָס ?... איך מיין,
ז'דער געלאַף ?...
כ'ווי ?... אַ טשאיניק
קעראָסין ?...
ס'אר א וועזען,
אַ בעטראף ?...

שיר המעלות

אשרי כל ירא ד׳ (תהלים קכ״ח.)

וואיל איז דעם וואָס פירכטעט גאָט,
בענוגענט זיך מיט וואָס ער האָט,
געהט אין גאָטעס וועגען,
זוכט ניט קיין פערמעגען;
פראַצעוועט און לייגט אין מויל,
אך, ווי גוט איז איהם און וואויל!...

און די ווייב — זי פלאַדיעט ווי א וויינשטאָק,
ווערט די הויז פול — הוזשעט ווי א בינשטאָק;
קומען צו נאָך פרעסער,
וואַקסען קינדער גרעסער,
ווערט פערצווייגט מעהר די משפחה,
אויף זרעינו — גראָט די ברכה...

הערט עס אויף צו קלעקען,
דאַרף ער זיך ניט שרעקען, —
דאן פערלאָזט ער זיך א בערדעל
און אויף גאָט, — ווערט פרומער —
ציעהט נאָך אָן אויף זיך א הויקער,
ווערט א ביסעל קרומער.

נעמט ער זיך צום ציהען...
געהט ארום פערשרייבען,
פאר ישיבות, פאר ירושלים קלייבען,
פאר יתומים, קראנקע, פאר אלמנות חיות,
— נעמט און גיט ניט —
מאַכט ער גאָר א פיינעם כאַיעס (חיות)...

גיט אוים קינדער, מאַכט צו לייטען,
האלט אוים — ווי אמאָהל פערצייטען;
און עס קומען די רוחים, מיט פראַצענטען,
גאַנצע מחנות, רעגימענטען, —
שטילע אידעלאך און אידען
און ישראל — לעבט אין פריעדען.

ישראל דער שמש

קאַלט און פינסטער
אין דער אויסען,
שטיל איז ווי אויף
א בית עולם.
האַלבע נאכט
האָט שוין געמיטען,
שלאָפט שוין אומעטום
דעם עולם ;

נאָר די הענער
קרעה'ן זיך איבער
צייטענווייז
צווישען זיך,
און עס בלייבט
צוריק שוין אלעם
ווי פערשטאָרבען,
מ'הערט קיין דיך...

ר' ישראל דער שמש
שלאָפט ניט !...
געהט ארום
ווי אויף דער שמירה
איבער'ן שטאָט,
און מיט דעם ניגון —
בעת מען פיהרט
א מת צו קבורה —

פון „צדקה
„תציל ממות,"
וועקט ער, שרייט
„שטעהט אויף צו סליחות !...

סאי אין פינסטער,
שטורעם, קעלט,
טהוט ער ערנסט
זיין אלטע שליחות.

אין איין האנט
זיין אלטען שטעקען,
אין דער צווייטער —
זיין לאנטערנע ;
קיינע ווינטען
ניט אויסלעשען
קען זיין ליכטעל,
די מיזערנע.

ברענט עס העל
זיין צויבער-ליכטעל
און מיט פינסטערניש
זי קעמפט ;
שלאָפט דער עולם
טיעף פערזונקען
אין אילוזיען
פינסטערע, — פערטעמפט...

* * *

פינסטער, קאלט
און שטיל אין ד'רויסען,
ס'שלאָפט געשמאק
און הארט דעם עולם...
פלוצלונג ברעכט
א וואָיען אוים,
ווי שאקאלען
אויף א בית-עולם ;

ס'האָבען הינט
דערהערט דאָס וועקען
פון דעם שמש,
זיינען זיי בייסען
אָנגעפאלען,
מיט רציחה, —
ווילען אויף שטיקער
איהם צורייסען;

דאָך ישראל
בלייבט אונערשראָקען,
קען יסורים
פיעל פערטראָגען;

געהט די נאכט
דורך בלוט און טרערען,
וועקט ער ביז
עס פאנגט אָן טאָגען...

* * *

קיל און גרויליך
אין דער לופטען,
ס'פאנגט דער עולם
אָן אויפשטעהן;
ס'שיינט די זון אויף, —
קען ישראל
זיך אויסרוהען
אויך שוין געהן...

על חורבן ישראל

עס שטורמען ווילדע כוחות דאָרט, —
די חיה ט'אין מענשען ערוואכט;
דאָס בלוט אומריינע ט'זיך צושפיעלט
און ס'ווערט א פאָגראָם דאָרט געמאכט.

פערווילדעטע קולות „ביי זשידאָוו!“
געמישט מיט א יאמער-געשריי...
דעם הימעל פארבט א פייער רויט,
און בלוט פארבט די ערד דאָרט, אוי ווער!...

— דאָס זיינען בלוט-דורשטיגע חיות,
פון וואלד מיט אימפעט געקומען,
א סטאדע שאָף בעפאלען, —
פערצוקען, צורייסען און ברומען...

דער פאסטוך בעהאלטען, — קוקט צו
און שוויגט... אוי שאַנדע און שמאך!...
אך, זעה וואָס מען טהוט מיט דיין שאָף!
אָה שומר ישראל ערוואַך!...

יאָ, שווער פערזינדיגט האָבען אידען
קעג'ן דיר זיך, גאָט, יעצט און אמאָהל,
און ס'קען דיין צאָרען גאָר ניט שטילען, —
פערפאָלגט ער און שטראָפט אָהן א צאָהל;

די שערי רחמים פעסט פערשלאָסען,
דאָס פאָלק אויף הפקר געלאָזען,
זיין וויינען, שרייען, זיינע תפילות —
צום כסא הכבוד ניט דערלאָזען...

אך, אָבער קינדער פון דער ברוסט —
די מוח'לעך אויף שטיינער צעדראָשען?!
ביי מוטערס די בייכער געשפאלטען,
אומצייטיגע לעבענס פערלאָשען!...

אונשולדיגע טעכטער און כלות —
פאר פאָטערס און חתנים געשענדעט;
און בערג מיט ספרים, ספרי תורות,
געריסען, געטראָטען, געברענט!...

אין חדרים — אינגלעך מיט דעם רבין,
געשטיקט, געקוילעט גאָר אהן מורא;
רבנים אין די גאַסען געהאנגען,
פאָלקס-פיהרער און דיענער פון בורא!...

* * *

פאר אלע די ריינע קרבנות
וואָס האָבען קיין זינד ניט בעגאנגען
זאָל, גאָט, זיך דיין ראכע דערוועקען
און ס'זאָל אויף די פייניגער דערלאנגען!

עס זאָל דאָס בלוט פון אלע קדושים
צוזאמען מיט דעם קוואַל פון טרערען,
פון לאנגען גלות, זיך צו מישען, —
עס זאָל פון זיי א מבול ווערען,

וואָס זאָל פערפלייצען און פערשווינקען
וואָס שלעכט איז און פערדאָרבען,
אָפּווישען אלע זינד, פערגעבען,
קיין זינד ניט מעהר — קיין קרבן...

קיין שוואַכע און קיין שטארקע מעהר,
קיין מאכט, קיין אונמאכט עקזיסטירען;
נאָר דו אליין, דיין הייליג מאכט,
אָה גאָט, אויף אימער זאָל רעגירען!...

ברוך שפטרני

דאנק און לויב דיר,
ליבער פאָטער!
ענדליך שוין
געוואָרען פטור,
פון דעם פעסט,
דעם פוילען קאָטער, —
ס׳גאנצע הויז
פערעיפושט האָט ער...

קיינע נוצען
האָט געבראכט ער,
האָט פון לאטכען
נור געטראכט ער...
וואו צו נעמען
אלעם „איזי“ —
זייענדיג
קיין מאָהל ניט ביזי...

ניט געוועזן שוין
אויסצוהאלטען —
וואָס פון איהם
מעהר צו בעהאלטען...
האָט גע־גנב־עט
אָהן רחמנות
און געשלעפּט,
גאָר א סכנות...

מ׳האָט געטריבען
איהם מיט שטעקען,
ניט געקענט איהם
גאָר אָפּשרעקען...
ט׳זיך געטוליעט
און געפּאשעט,
ניט געקימערט
וואָס מען סטראשעט...

פון דעם קאָטער
פטור ווערען
האָט מען אויפגעהערט
שוין קלערען —
גאָר צו טראכטען
און צו האפען
פלוצלינג...
האָט א נס געטראָפען!...

אין א טעפּעל
איז ער פערקראָכען,
ס׳האָט געהאלטען
זיך אין קאָכען...

נ׳ אָפּגעבריטער
איז ער אנטלאָפען...
קיינער איז איהם
נאָכגעלאָפען...

ס׳איז א קאָטער
אויף צוויי פיס...
שטויסט איהר אָן זיך
ווער דאָס איז!...

קהלת

ס׳ מייד׳ט דער ווינטער, קומט דער פרילינג —
שוין בעשטימט פון אייביג יאָהרען,
קומט די בייזע עלטער אָבער —
שווינד׳ט די יוגענד, — ווערט פערלאָרען.

ווערט מען עלטער — מעהר ניט יונגער —
ווערט עס שווערער און ניט גרינגער,
שעפ׳ן זיך לאנגזאם אוים די קרעפטען
און פערשיד׳נע קראנקהייט העפטען,
מינערען, ציהען זיך אוים די טעג,
שלעפען זיך מיעדע טריט צום ברעג...

דעם ציעל ניט דערגרייכט — דעם צוועק פון לעבען,
ענטווישט אין האָפען, פערפיהרט אין שטרעבען;
און ס׳כמארען זיך דרינגליכע פראגען
וואָס לאָזען זיך מעהר ניט ערקלערען,
עס לעשען זיך ברענענדע וואונשען —
אין צווייפעל, אין זידיגע טרערען...

לעבענס פערלאָשענע שווינדען
אין דעם פערגעסענהייטס-תהום,
נייע לעבענס זיך אָנצינדען —
ציען אין ברויזענדען שטראָם;
ס׳ענדערען זיך ציימען אויף צייטען,
דורות אויף דורות זיך בייטען —

וואָס זאָל דאָס בייטען בעדייטען?
וואונדערט זיך אייביג דער תם...

אוּן ס'עגבערען דרינגליכע פראגען —
וואָס לוינט זיך געָנוּם קעגען פלאַגען ?
דאָס גאנצע שאפען און צעשטערען,
דער גאנצער דאָזיין און ניט ווערען ?...

פון ניט פערשטעהן און צופיל קלערען —
בלייבט ביים חכם נאָר דער צער ;
בלייבט א חכם גאָר דער נאַר —
וואָס וויל פון וויסען גאָר ניט הערען...

פורים

ס'אלע מאָל דיזעלבע זאַך
אין דעם לאנגען גלות,
המנס זיינען דאָ אסך —
כאַפּען זיי מפּלות.
זיינען מרדכי'ס ווייניג פ'ראַן —
קומט עס זעלטען די ישועה,
רייסט די מכה פריער אָן —
נאָכהער קומט ערשט די רפואה...

וואָס זשע טויג דער גאנצער עסק,
—שלעכטער אָנפאנג, גוטער סוף?
ס'קומען נסים רעגעלמעסיג
נאָך די בייזע, שווערע שטראָף ?...

וואָס מיר שילטען המן־ען,
וואָס מיר מרדכי'ן בענשען ?
אז א נס, — טאָ זאָל געשעהן —
ליבע צווישען מענשען !...

זאָלען מענשען ניט גרופּירען
זיך אין קלאסען געגען קלאַסען,
זאָלען פעלקער רעספּעקטירען,
איינם דעם צווייטען זיך ניט האסן ;

זאָלען אלע ראסען, שטאמען,
איינם דעם צווייטן ניט פערדאמען!
—וועלען אלע האָבען פרידען,
גליקליך לעבען—גוים, אידען...

לחיים אידען, ברידער לעבען !
גיסט די כוסות פול מיט וויין,
לאָמיר אלע דאָס דערלעבען —
זאלכע נסים ביי צו זיין !...

אויף קבר אבות

פה עמוד, דאָ שטעל זיך אָפּ,
דו טרעטסט יעצט אויף דעם הייליג אָרט!
זעהסט מצבות—ציילען שטארען,
שימערירען דאָ און דאָרט, —
ווי פערגליווו'רטע פראגע צייכענס,
ווי פערטראכטע, שטעהען שטום? —
טיעפע סודות פון די קברים
שוועבען, וויקלען זיי ארום;

ס'טהון די בערגלעך ערד פערדעקען
וועלטען חרוב'ע געוואָרען,
אומגעזעהענע טראגעדיעס,
ניט דערגרייכטע פרייד און יאָהרען, —
ס'ניט דערזאָגטע, ניט דערקלערטע,
ס'ניט פערווירקליכט האפען, שטרעבען, —
ס'קיין מאָל ניט דערגאנגענער
סוד — פון זין און צוועק פון לעבען;

ס'שמעלצט דער לויף פון צייט, פערשלינגט,
מענשענס אָנפאנג און זיין ענדע;
פון זיין מאכט, זיין גלאנץ, ערפאָלג,
בלייבט פיער איילען זיין ארענדע.

דאָ אויף דיזען הייליג אָרט
בלייב שטעהן, דו שטערבליכער, בעטראכט!
דער בליץ-שיין פון דעם קורצען לעבען,
ווי קליין זיין ווערדע איז, זיין מאכט;

נאקעט איז דער מענש געקומען
אויף דער וועלט, צוריק געקערט —
דאָס לעבען אויסגעלאָשען,
דאָס געביין — אין פייכטער ערד;

דאָ רוהט ענדע פון דעם האפען,
קנאה, שנאה, ליידען, צער,
שמאיען, האווען, גליק און פריידען,
הערשען, זיעגען — ס'רוהט דער נאר...

נאָר זכרונות, שוואכע, טונק'לע,
וועקט ביים לעבעדיגען אויף
די נעמען פון פה נקבר'ס, —
שטיל און שטום בלייבט זייער סוף...

* * *

שטיל געה — מיט הכנעה, יראה,
ניט פערשוועך דאָס הייליג אָרט!
זעהסטו קברים פון קדושים? —
ניט קיין טויטע ליגען דאָרט!...

ריזען-גייסטער שטארבען קיינמאָהל;
ווען דער קערפער ליגט אין דרערד, —
פאנגען אָן ערשט אויפצולעבען,
אנערקענט ווערט זייער ווערטה.

די וואָס האָב'ן אויף זייער לעבען
פאר זיך קיין מאָהל ניט געקערט
נאָר פאר מענשהייט זיך געאפפערט,
בלייבען ניט פערדעקט פון ערד;

זייער אָנדענק — תחית המתים
שטעהט אויף פון פערגעסענהייט,
זייער וואָרט, געדאנק און טהאטען
בלייבט אויף אייביג ווי די צייט.

* * *

ריים אוים גראָזען נעבען קברים
לאנג פערגעסען, ווארף פון זיך,
געה זיך אויך א נאָמען מאכען!
ווען דו פעלשסט — דאן נארסטו זיך...

אמאָל און היינט

אמאָל —

אין דער מדבר שמאכט דאָס פאָלק,—
קיין וואסער 'ז-צו בעקומען,
האָט געשלאָגען משה א שטיין —
איז וואסער באלד געקומען.

און היינט —

מ'דארף ניט שלאָגען, זיין אין כעס,
נאָר א ריהר טהון מיט דער האנט
אום צו מאכען לויז דעם קראַן —
צאַפּט זיך וואסער פון דער וואנט.

אונשטערבליקייט

עס שטערבט א יעדער
אויף זיין אָרט
צו מאכען זיך
בערימט, אונשטערבליך,
עס זאָל א נאָמען,
אָנדענק בלייבען
ווען מע לייגט
ארויף די שערבלעך ;

דאָך גיבען דורות
ניט ארויס
זאָ אָפט בעגאבטע,
אויסדערוועהלטע ;
וואָס זייער וואָרט,
געדאנקען, טהאטען
בלייבט פאר דורות
אומגעצעהלטע ;

עס וואָלט זיך קיינער
ניט ענטזאגט
פון אנערקענונג
אלס א פיהרער,
דאָך קענען וויניג
ביי זיך פועל'ן
צו לעבען, שטארבען
ווי מארטירער.

געבאָרען
פאר א וועלט צו שאפען —
דאן לעבט מען ניט
פאר זיך אליין ;

עס געהט אוועק
א גאנצער לעבען
ביז מענשען
פאנגען אָן פערשטעהן.

א גרויסער מאן
זאָ לאנג ער לעבט
און קען נאָך שאפען —
מאַכט קיין רושם ;
נאָר ווען ער שטארבט
און פעהלט זיך אויסעט,
דאן איז
אחרי מות — קדושים.

דאָס לעבען איז
א טראָפען נחת,
א כוס פול גיפט —
באַלד הייסט מען געהן...
די צייט ווישט אָפּ,
זי מאכט פערגעסען,
ווי ס'וואָלט דער מענש
גאָר ניט געווען.

און ס'פלאגט בעגריעף
פון מענשענס נישקייט,
ס'דריקט און עגבערט
יעדענס מוח ;
מען זוכט באפרידונג
אין אויסצייכ'נען
זיך מיט טהאטען,
גלאנץ און כוח.

עס טרייסטען פיעלע
זיך מיט גלויבען
אין א בעס'רע
יענע וועלט ;
און פיעלע טהוען
זיך פערטויבען
אין געיעג
נאָך מאכט און געלט.

אונשטערבליך בלייבען
נאָר געצעהלטע
וואָס האָבען פאר זיך
ניט געלעבט ;
און זייער לעבען
פאר דער מענשהייט
אוועקצוגעבען
נאָר געשטרעבט.

אָט דיעזע גרויסע,
זעלט'נע העלדען,
מלאכים
אין געשטאַלט פון מענשען ;
מיט זיי זיך טהוען
פעלקער ריהמען,
עס טהוען זיי דורות
אייביג בענשען.

אל תשליכנו

רוקט זיך אָן די עלטער
ווערט מען שוואכער, קעלטער,
טונקלען שוין די אויגען,
ווערען אלע גלידער
שווערער, שטייף און מיעדער,
טהו'ן די פים זיך בויגען
אונטער'ן לאסט דעם שווערען,
מ'קען שוין גוט ניט הערען,
שווער דעם קאָפּ צו האלטען ;
פאנגט דאָס הארץ אָן דריקען,
טהוט דער אטהעם שטיקען,
טהוט דער הוסט אָנהאלטען;

ברעכען אלע ביינער,
פאלען ארוים די ציינער —
איז שוין אוים מיט אלעם...
מ'קען שוין מעהר ניט שאפען,
מ'קען שוין מעהר ניט שקלאפען —
בלייבט מען נאָר ביים דלות...

מ'ווערט ביי זיך געפאלען,
מ'מוז צו לאסט שוין פאלען,
מ'האָט שוין גאָר קיין ווערט ניט ;
און דער מלאך המות
טרייבט זיך זיין קאטאָוועס,
לאָזט זיך פלאגען — שטערט ניט...
נ'אויסגעקוועטשטען לעמען
איילט ער זיך ניט נעמען...
מאַטערט זיך דער קרבן,
ווערט אליין מעהרער שארבען —
ווילט זיך אליין נאָך דארבען,
איידער זיין געשטאָרבען...

משה רבנו

אלס פרינץ ערצויגען געוואָרען
אין פּרעכטיגען קעניג'ס פּאלאַץ,
אויפגעבראכט אין גרעסטען רייכטהום,
איבערטרעפליכ'ן גלאנץ און לוקסוס, —
האָט משה, דער געטליכער העלד,
זיך מיט קיין זאך-ניט אינטערעסירט;
און אין קימער זיך געלאנגווײלט
פון די אלע פּעסטליכקייטען,
פערגעניגענס ווילד-בערוישענד,
וואָס א פּרעה'ס מאכט קען שאפען;

נאָר געצויגען ווי מיט צוואנגען
האָט עס איהם צו זיינע ברידער,
וועלכע שמאַכטען אונטער'ן שווערען
יאָך און דראנג פון שקלאפען-קייטען.

אין דעם גליהענדען רויטען ווײן
וואָס האָט שטראָמען זיך געגאָסען,
האָט ער בלוט געזעהען פליסען
פון די וואונדען אויף די לייבער,
אָפּט געשמיסענע מיט בייטשען,
אין די הענט פון שקלאפען-טרייבער.

אין דעם קלאנג פון שענסטע טענער,
פון די זיסטע מעלאָדיען, —
האָט בענומען ער דאָס קרעכצען
פון צום טויט-פערפּייניגטע,
זיינע אָרמע, ברידער-שקלאפען.

פלעגט ער אָפט זיי קומען טרייסטען,
מיט צובראָכען הארץ אוועק געהן,
ניט קענענדיג זיי ווירקליך העלפען.

איין מאָל האָט ער טויט געשלאָגען
א ברוטאלען שקלאפען-פרעסער
און מצרים באלד פערלאָזען;
האָט אין מדין זיך בעזעצט
און איז דאָרט א הירט געוואָרען.

פיטערנדיג די שאָף אין מדבר,
אין זיין טרוימען-וואונש פערטיעפט, —
זיינע ברידער פריי צו זעהען,
זאָרגלאָז ווי די שאָף געפיהרט...

דערזעהט א בוים ער פלוצלונג,
וואָס ברענט און ווערט דאָך ניט פערברענט,
און פון בוים גאָט'ס שטימע הערט ער
ביי זיין נאָמען איהם אָנרופען:

„משה, משה! כ'האָב דערהערט
„דאָס קרעכצען פון מיין פאָלק,
„עס איז די צייט שוין איצט געקומען
„פאר זיי אויסגעלייזט צו ווערען!...
„נעהם דיין שטעקען, געה צו פרעה'ן
„און בעוויז איהם מיינע וואונדער,
„היים איהם אין „יעהאָווע'ס“ נאָמען
„ס'פאָלק, דיינע ברידער, לאָזען פריי!
„וועסט מיט גוטען גאָר ניט פועל'ן,
„טהייל איהם איין א פאָרציע מכות,
„וועט ער ענדליך בעסער ווערען!...

טראָגענדיג טיעף פאָלקס-צער אין הארצען,
פיהלענדיג דאָך צו קליין ביי זיך
פאר אזא גרויסע, וויכטיגע,
— פון לאנג געטרוימטער — אונטערנעמונג,
דאָך מיט א געטליך-וואונדערליכען,
פריידענ-קראפט און מוטה בעזעעלט —
האָט ער דאָס פערשקלאפטע פאָלק
פון מצרים אויף דער פריי,
טרוקען דורך א ים געפיהרט,
זיינע פייניגער, פערפאָלגער,
אין דעם גרונט פון ים געזונקען;
און געפיהרט דאָס פאָלק אין מדבר,
פערציג יאָהר מיט מן געשפייזט,
וואסער פון א שטיין געצאפט,
זיי געבילדעט און געלערענט
יושר און גערעכטיגקייט...

און קיין האָניג ניט געלעקט
האָט ער פון פאָלק די אלע יאָהרען,
האָט גענוג זיך אָנגעליטען
מיט פיעל צרות און פערדרוס!...
נאָר א משה האָט געקענט
א ששים-ריבוא — רויהען-מאב,
פיהרען, צאַמען, קאָנטראָלירען!

האָט פערשטעלט מיט זיינע פלייצעס
אָפט קעג'ן גאָט'ס גערעכטען צאָרען,
ווי א מוטער שטעהט אויס קרענקונג
פון א קינד, איין אונגעהאָרכזאמס,

און מיט ליעבע און רחמנות
איהר צארטע האנד פערשטעלט די רוט
פון שטרענגען, בייזען פאָטער...

מלחמות זיעגרייך דורך געפיהרט,
ריעזען־פעלקער אָפּגעראַמט,
מיט איין עמוד אש וענן
דורך גערייזט צו ענד דעם מדבר,
ס'פּאָלק דערפיהרט צום ברעג פון ירדן,
צום פערשפּראָכען לאנד דערגרייכט
וואָס פליסט מיט מילך און מיט האָניג...

דאָ זאָגט גאָט צו משה'ן — „האלט !...
„דו האָסט דיינס שוין אָפּגעטהון,
„יעצט מוזטו פון דער וועלט שוין געהן !...
„דאָס פאָלק אין לאנד אריינצופיהרען,
„איז אנאדערער שוין בעשטעלט...
„דו — דאָס לאנד קענסט ניט בעטרעטען !
„פון ווייט נאָר — מיט די אויגען זעהן !..."

„ערבארעמדיגער פאָטער !"
— האָט משה יאָמערליך געבעטען —
„פאר אלע מיינע לייסטונגען, —
„האָב איך דען גאָרניט זיך פערדינט,
„אויך עטוואָס נחת צו געניסען,
„איידער מיינע אויגען שליסען ?..."

„ס'קען אנדערש ניט זיין !" — ענטפערט גאָט —
„גרויסע גייסטער, גרויסע פיהרער,
„פון זייערע פערדיענסטען

„געניסען ניט ביים קורצען לעבען,
„אונשטערבליכקייט — איז זייער לוין!..."

* * *

געענדיגט תורה לערנען,
זיין לעצטען וואָרט צום פאָלק געזאָגט,
געהאָרכזאַם, שטיל, ארויף געשטיגען
האָט משה אויף דעם באַרג „נבו", —
פון זיין שפּיץ אויף ס'לאנד געוואָרפען
דעם לעצטען בליק, און גלייך געשטאָרבען...
וואו־ז זיין קבר, ווייסט ניט קיינער!...

SOUVENIR

נעם מיין בילד צום אנדענק, ברודער,
הענג איהם אין א פריים געפאסט
אויפ'ן וואנט, — צו אין אנ־אלבום !......
ס'בייט זיך, ס'שווינט די צייט מיט האסט
אין נאטור'ס פראָצעס פון וועקסלונג,
בילדער, לעבענס מישען זיך
אין דער גרויסער פאנאָראמע,
ווייזען זיך, — פערמישען זיך.

ס'רוישט די לעבענס־וועלען שטורמיג
און פערשלעפּען אונז אין וועג,
וואו דער שטערבליכער מוז שווימען
אָפט גאָר וויט פון ליבסטען ברעג ;
אלטע פריינדע, נאָהנטע פריינדע,
ווערען דורך דעם לעבענס־שטראָם
אָפט דערוויטערט און פערגעסען
אָדער זינקען מיעד אין תהום...

פיעל האָב איך מיט דיר שוין, ברודער,
פריינד פערלאָרען, הין און הער,
און פערלאָזען זייט געדענקען,
שווימענדיג אויף דעם לעבענס מעער ?...
און ווען אונז דער שטראָם אויך שיידעט
און פערטראָגט אונז וועק פון זיכט —
אונזער פריינדשאפט אָפט דערמאָנען
זאָל מיין בילד און דאָס געדיכט.

לשנה טובה

געהט אייך, געהט, איהר פלאגען זאָרגען!
ווערט פערשלונגען און פערשוואונדען
אין די טויטע, שטילע גרונדען —
מיט דעם יאָהר וואָס איז פעראיבער!
ניי און פריש איז אימער ליבער...

נייער יאָהר, דו פרישער מאָרגען,
פרייער יאָהר — פון נייע זאָרגען —
זיי ווילקאָמען און בעגריסט,
מיר עמפאנגען דיר מיט לוסט!

פרישע האָפנונג, נייעם מוטה,
צינד אונז אָן א הייסען גלוטה
צוריק צום קאמף אונז צו בעקערען!—
אין דעם אלטען קאמף, דעם הארטען,
זיעג, ערפאָלג אונז צו ערווארטען;
און געזייהט וואָס איז מיט טרערען,
זאָל שוין גאָר אָהן מיה, אָהן שווערען
מיט געזאנג געשניטען ווערען.

קריטיק

זיצט א שרייבער
מעקט און טראכט,
גאנצע טעג
און שפּעט ביינאכט, —
ביז ער האָט
א בוך געמאכט, —
(ס'הייסט, ניט פארפאסט!...
נאָר — צוגעפאסט...)
און דעם בוך
ארויסגעבראכט

האפּט, פול גליק ער,
פרייד און גלאנץ, —
רוהם עמפּאנגען —
בלומען-קראנץ;
איז גאָר פול
דער קראנץ מיט דערנער...
— ס'שטעכט א קריטיקער,
מיט הערנער.

יענעמס שאפען
בטל מאכען, —
איז דאָך פון
די גרינגסטע זאכען;
ס'קאָסט מבינות
גאָר קיין געלד ניט, —

זאָגט דער מבין:
„איהם געפעהלט ניט!"

„ס'טויג ניט!" זאָגט ער, —
טהוט איהם עפּעס!
זוכט נאָר פעהלער,
און זאטשעפּעס;
ר'האָט פאר יענעם
קיין געפיהל ניט, —
ער אליין קען
בעסער שרייבען,
נאָר מע דארף ניט
און ער וויל ניט.

— צווישען אונז נאָר
זאָל עס בלייבען...
— ס'האָט דער קריטיקער
קיין פּען ניט!
האָט א „וועלער",
נאָר ער קען ניט...
— קען ער אלזאָ
ניט פערליידען,
ס'זאָל א צווייטער
זייהען, שניידען.

ALL RIGHTS RESERVED.

COPYRIGHT 1928.

THE ROMM PRESS, BALTIMORE, MD